באַגריסונג לכבוד דעם 80טן געבאָרנטאָג פון

# ד״ר שמעון אַלפּעראָוויטש

## פּאָרזיצער פון דער יידישער קהילה אין ליטע

טראַכטנדיק וועגן די גבורות=יאָרן פון אונדזער טייערן ראש=הקהילה, ד״ר שמעון אַלפּעראָוויטש צו לאַנגע שיינע יאָרן, גראַדע איצט אין גאַנג פון די ימים נוראים, אַז מען פאַרקלערט זיך וועגן קלענערע און גרעסערע פראַגן בכלל, קומט צוערשט אויפן זינען אַזאַ מין גדאַנק: די שארית=הפּליטה יידישע קהילות אין דער היינטיקער מזרח אייראָפּע זיינען אַזוי קליין און שוואַך — אַזאַ קליינינקע צאָל יידן נאָך אַזאַ גרויזאַמען חורבן, מיט פּראָבלעמאַטישע דעמאָגראַפישע אויסזיכטן, נעמענדיק אין באַטראַכט די פאַקטאָרן עלטער פון די יחידים; די צאָל יוגנטלעכע וואָס קלייבן זיך אַרויספאָרן; די צאָל וואָס זיינען אַסימילירט און נאָכמער. צו דעם אַלעמען איז דאָ דער ניט=אָנגעלייגטער פאַקטאָר, וואָס רופט זיך אין ברייטערן זין: אַנטיסעמיטיזם, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז זיינע פּרימיטיווסטע סימפּטאָמען וועט מען שוין ווייטער ניט זען, אין אַ לאַנד וואו מ׳האָט אויסגעשאָכטן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אין אַ לאַנד וואָס איז די לעצטע צייטן אַריין אין נאַטאָ און אין אייראָפּעאישן פאַראיין מיט די העכסטע צוזאָגן פון יושר און ערלעכקייט אויף להבא.

די יידישע קהילה האָט די לעצטע צייטן אויסצושטיין ניט נאָר וואולגאַרע, עקסטרעם=נאַציאָנאַליסטישע אַנטיסעמיטישע פאַראַדן אין צענטער שטאָט, ניט נאָר באַפּאַרבונגען מיט ראַסיסטישע לאָזונגען אויף די ווענט פון די עטלעכע געבליבענע יידישע קהילה אַדרעסן אין לאַנד, נאָר אַ סך ערגער, אַ כיטרע פּאָליטיק מצד דער מלוכה אָפּצולייקענען דעם חורבן, מיט אַלערלייאיקע קונצן און מאַכאַרייקעס: די פּרואוון צו דערקלערן פאַר „פּינקטלעך גלייך אויף גלייך״ נאַצישע און סאָוועטישע פאַרברעכנס; די קאָמיסיעס וואָס זיינען אויסן דאָס צו „דערווייזן״, די אָפּנאַרערייען אַריינצוציען דערין נאַאיווע יידישע פּערזענלעכקייטן פון אויסלאַנד, און אין משך פון לעצטן יאָר, די מאָראַליש=באַרבאַרישע פינצטערע אַרבעט פון ליטווינער פּראָקוראָרן און באַאַמטע אויסצונוצן זייער מאַכט בכדי צו באַשולדיקן אין שלעכטס די לעצטע שארית=הפּליטה יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָר און בלויז צוליב זייער העלדישקייט אין אָנשליסן זיך אין די רייען פון די אַנטי=נאַצי פּאַרטיזאַנער אין די ליטווישע וועלדער.

* * *

אַוועלכע⸗ניט⸗איז אַנדערע קליינע און אָפּגעשוואַכטע קהילה אין מזרח אייראָפּע וואָלט שוין פון לאַנג, פון אַ סך ו ו י י נ י ק ע ר צרות אונטערגעגאַנגען, געבליבן מערניט דאָס וואָס רופט זיך אַ קהילה אַן „אפּוטרופּוס”, וועמענס איינציקע ראָלע איז אויפצוהיטן די אַמאָליקע יידישע ערטער פאַר טוריסטן פון אויסלאַנד, פאַר דיפּלאָמאַטן, און פאַר די ערלעך פאַראינטערעסירטע פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג.

עס איז אין דער גרעסטער מאָס אַדאַנק אונדזער טייערסטן ד"ר שמעון אַלפּעראָוויטש, זיין כאַראַקטער וואָס איז שטאַרק ווי אייזן, זיין ערלעכקייט, און זיין מוט, ניט מורא האָבנדיק פאַר קיינעם, וואָס אונדזער יידישע קהילה אין ליטע, ניט קוקנדיק אויף איר קליינקייט און שוואַכקייט, שפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, סיי אין ליטע און סיי אינעם אָפּקלאַנג איבער גאָר דער וועלט, איידער אַנדערע, דעמאָגראַפיש גרעסערע קהילות אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן צודערצו אַ סך ווייניקער אויסצושטיין וואָס איז שייך יענעם העכסט דענערווירנדיקן אַנטיסעמיטיזם וואָס שטאַמט ניט פון כוליגאַנעס נאָר פון סאַמע אָרגאַנען פון דער מאַכט.

אין אַזעלכע סיטואַציעס קען אָפּגעהיט און פאַרשטאַרקט ווערן דער גייסטיקער און מאָראַלישער וועזן פון אַ יידישן ישוב ניט דורך אַוועלכע ניט איז אַלגעמיינע פּרינציפּן און ניט דורך אויסגעאַרבעטע פּראָגראַמען, נאָר גראַדע דורך אַ יחיד אַ געבאָרענעם און געבענטשטן מנהיג, וועלכער פאַרמאָגט אינעם אייגענעם מהות גופא דווקא דיאָ אייגנשאַפטן און גייסטיקע כוחות וואָס זיינען נייטיק צו ד ע ם פּרעציזן היסטאָרישן מאָמענט און ניט קיין שום אַנדערן.

ניט שייך, צי מען גלייבט אין גאָט, אין העכערע כוחות בכלל, אינעם אַלגעמיינעם גורל צי גלאַט אין צופאַל; לויט די אַלע שיטות, בלייבט אין צייטן פון ברייטערן קריזיס די היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין דעם ריכטיקן מענטשן.

רבותי, מיר זיינען אַלע געבענטשט וואָס אונדזער פּאָרזיצער איז ד"ר שמעון אַלפּעראָוויטש וועלכער איז יעדן טאָג גרייט צו גיין אין האָגל און אין פייער און גלייך אויף אַן אָרט דערקלערן פאַר ליטע און פאַר דער גאַנצער וועלט געגנוי וואָס טוט זיך. די דריי „אָפענע בריוו” וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן אין נאָמען פון דער יידישער קהילה אין גאַנג פון די לעצטע חדשים האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן עדות⸗זאָגן פאַר דער וועלט, אַז די יידישע קהילה אין ליטע זאָגט שטאָלץ און אָפן: „מיר זיינען דאָ”.

טשיקאַווע, די באַהאַרצטקייט זיך קעגנצושטעלן עלעמענטן פון דער מלוכה טרעפט מען ניט איזאָלירטערהייט, זי איז אַן אינטעגראַלער קאָמפּאָנענט אין דעם קאָמפּלעקס אייגנשאַפטן וואָס דעפינירן אַ מנהיג בכלל. אַז איך האָב זיך באַקענט מיט אונדזער בעל⸗יובל, שמעונען, אין די מיטן ניינציקער יאָרן, האָב איך גלייך באַמערקט איין זאַך: ווי פאַרנומען ער זאָל ניט זיין מיט די הויכע ענינים פון דיפּלאָמאַטיע, מיט פאַרפלייצונגען פון וויכטיקע טעלעפאָנען און אויסלענדישע געסט און אינלענדישע קאָפּווייטיקן, איז שמעון אַלפּעראָוויטש כסדר גרייט אַלצדינג מאָמענטאַל אָפּלאָזן און געבן די פולע אויפמערקזאַמקייט מיט אַן עכטן דרך⸗ארץ פאַר יעדן פּשוטן יידן פון אַ גאַנץ יאָר וואָס קומט צו גיין מיט אַן ענין, אָדער אַן ענינדל, וואָס איז אים אָדער איר וויכטיק אין יענער צייט. דערמיט אַליין היט אויפעט אונדזער פּאָרזיצער אַ דור⸗דורותדיקע יידישע טראַדיציע פון אַ יידישן ראש הקהל,

וואָס איז דער ערשטער, און אָפּטמאָל דער איינציקער, צו וועמען אַ ייד וואָס שפּירט זיך אין אַ צרה וויל גיין, אַדורכצושמועסן זיך מיט אַ קלוגן מנהיג, אויסהערן אַ גוטע עצה, און דערהויבן ווערן אין דער שטימונג פון דער סימפּאַטישער אויסהערונג גופא.

אַלס לאַנגיאָריקער יוריסט וואָס קען ענטפערן אויף די פּאַרפּלאָנטערטסטע לעגאַלע מאַכאַרייקעס, אַלס אויסגעהאָדוועטער אין דער פאַרמלחמהדיקער קאָוונע וואָס איז אינטים באַהאַוונט אין דער ליטווישער קולטור, און ווי אַ טייערער וואַרעמער מענטש וואָס איז געבענטשט מיט כאַריזמאַ, מיט באַהאַרצטקייט און מיט אַ הונדערט־פּראָצענטיקער איבערגעגעבנקייט צו די יידן אין ליטע און דער ליכטיקסטער צוקונפט פון די יידן אין ליטע, איז עס אונדזער הייליקטע אויפגאַבע צו טאָן אַלץ וואָס מיר קענען, בכדי צו פאַרזיכערן אַז אונדזער טייערער שמעון אַלפּעראָוויטש זאָל וויסן געוויס אויף וויפל מיר פאַרשטייען און אָנערקענען און שאַצן אָפּ זיין אַרבעט, זיין שווערע און דאַנקלאָזע אַרבעט צו וועלכער ער שטעלט זיך אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר.

ער ברענגט דער יידישער קהילה ניט נאָר כח זיך אַקעגנשטעלן דאָרטן אַוואו מען באַדאַרף, נאָר אויך אמתע אינספּיראַציע צו בלייבן אַן עכט־שפּעפערישע, שפּרודלדיקע, לעבהאַפטיקע קהילה וואו עס שפּירט זיך דער גייסט פונעם דור־דורותדיקן ליטוואַק מיט דער פולער ליבשאַפט צו לערנען און צו העכערער קולטור.

אַז ווער־ניט־איז וואָלט צוגעגעבן, אַז דער בעל־יובל אונדזערער, ר׳ שמעון בן חיים, צו לאַנגע גוטע יאָרן, איז צו דעם אַלעמען אַ ריכטיק אָפּשטאַמיקער פונעם רש״ש, ר׳ שמואל סטראַשון ז״ל, וואָלט אַ דרויסנדיקער גלאַט אַ זאָג געטאָן: ניין, ס׳קען ניט זיין, אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך בלויז אין די אַמאָליקע מעשה־ביכלעך.

בלייבט ד״ר שמעון אַלפּעראָוויטשן, דעם גיבור, דעם בעל־גבורה, דעם פּאָרזיציער פון אונדזער יידישער קהילה וואָס קומט היינט אין די גבורות־יאָרן אַריין, צו ווינטשן מיטן גאַנצן האַרצן ווייטערדיקע שעפערישקייט, פרייד, דערפאָלג, כח, גוטע בשורות און אַלעמערשטנס געזונט.

דוד קאַץ
ווילנער יידישער אינסטיטוט